Y10200.938



25 יעהריגער יובילעאום
היברו-אמעריקאן טיפאגראפיקאל יוניאן
נומ. 83 א.ט.י.
בעטהאווען האל
210 אי. 5טע סט.
ניו יארק
19טער דעצעמבער 1913

1913 25 יעהריגער יובילעאום 1888

I. T. U.

Lipshitz Press, 49-51 Lafayette St., New York

געגרינדעט אין יאהר 1888



דיא גרינדונג פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאן מיט 25 יאהר צוריק איז ענג פערבונדען מיט'ן אנפאנג פון דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער בעוועגונג דא אין לאנד, ווען נאך דיא ערשטע פאגראמען אין רוסלאנד איז קיין אמעריקא אנגעקומען און אינטעליגענטנער קלאס יונגע לייט מיט ראדיקאלע אנשויאונגען. דאס האט דאן מעגליך געמאכט דיא ערשיינונג פון דער „אידישער פאלקס־צייטונג,“ דיא ערשטע ראדיקאלע אידישע צייטונג דא אין לאנד. דיעזע צייטונג איז צו יענער צייט געווארען דיא ווארט־פיהרערין צווישען דיא ניי־איינגעוואנדערטע אידישע מאסען און האט פיעל בייגעטראגען צו דעם, אז דיא אידישע ארבייטער זאלען זיך נעהענטער צוזאמענקומען און אנהויבען זיך צו ארגאניזירען אין טרייד יוניאנס.

פון דעם זיינען אויך ניט אבגעשטאנען דיא אידישע שריפטזעצער, וועלכע זיינען געווען בעשעפטיגט אין ענגע, פינסטערע קעלערן פון 12 ביז 16 שטונדען א טאג, פאר א הונגער־לוין פון 5 ביז 7 דאלאר א וואך.

דיא אידישע שריפטזעצער האבען נאך מיט צוויי יאהר פריהער געמאכט א פערזוך זיך צו ארגאניזירען אין א יוניאן, מיט דער הילפע פון דעם איד. ארב. פעראיין, דער הויפט־טהוער פון וועלכען עס איז געווען אב. קאהאן ; און פון זיכערהייט וועגען, ניט צו ערוועקען דעם ווידערווילען פון דיא בעלי־בתים, האבען זיי זיך גערופען „אידישע שריפטזעצער אסאסיאיישאן.“ דיעזע „אסאסיאיישאן“ איז אבער אין א קורצע צייט ארום צופאלען געווארען, און דיא שרעקליכע צושטענדע וואס האבען דאן געהערשט אין טרייד זיינען געווארען אזוי אונערטרעגליך, אז דעם 20טען אקטאבער, 1888, זיינען זיך צוזאמענגעקומען עטליכע שריפטזעצער אום זיך צו בעראטהען וויא צו

פערבעסערען זייער לאגע. ביי דיזען צוזאַמענקונפט איז געגרינדעט געוואָרען דיא היברו אַמעריקאַן טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן אָוו ניו־יאָרק.

ביי דיא וויטערע מיטינגען פון דער יוניאָן איז אָנגענומען געוואָרען אַ מינימום ווידזש סקייל פון 9 דאָלאַר אַ וואָך און דיא אַרבייטס־צייט איז פעסטגעזעצט געוואָרען אויף 10 שטונדען אַ טאָג.

וויא אויבען געזאָגט, זיינען צו יענער צייט געגרינדעט געוואָרען נאָך אידישע יוניאָנס, און דיא שריפטזעצער יוניאָן האָט איינגעזעהן דיא צוועקמעסיגקייט פון גרינדען אַ פערבאַנד, וועלכער זאָל בעשטעהן פון פערטרעטער פון אַלע אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען. קורץ נאָכדעם זיינען זיך צוזאַמענגעקומען דעלעגאַטען פון דיא שריפטזעצער יוניאָן, דיא כאָריסטען יוניאָן, דיא שניידער יוניאָן, ברענטש 8 סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און ביי יענער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרען אַ פערבאַנד אונטערן נאָמען דיא „פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו־יאָרק.“

אָבוואָהל דיא יוניאָן האָט זיך גענומען מיט גרויס ענערגיע איינצופיהרען אָן אָרדנונג אין טרייד, האָט זיא אָבער ווייט אין איהר רעפאָרם אַרבייט ניט געקענט געהן צוליעב דיא שטערונגען וואָס זיא האָט בעגעגענט דורך דעם דאַמאַלסדיגען קאַמפּף וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישען דיא ראַדיקאַלען אויף דער אידישער גאַס.

דער קאַמפּף צו יענער צייט צווישען דיא אידישע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען צו געווינען דעם איינפלוס איבער דיא אידישע אַרבייטער, האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין דיא יונגע, אונערפאַהרענע יוניאָנס, און האָט אין זיי אָנגעמאַכט אַ חורבן. אין יעדער יוניאָן האָבען זיך געגרינדעט צוויי פראַקציאָנען און יעדע האָט געקעמפפט פאַר דיא אידעאַלען פון איהר פּאַרטיי. דיא שריפטזעצער יוניאָן איז אויך דערפון ניט אויסגעהיט געוואָרען, און ביי דיא מיטינגען און אין דער פּרעסע האָבען מאַנכע מיטגליעדער אַזוי אַטאַקירט דיא יוניאָן און דיא פּרינציפּען פאַר וועלכע זיא האָט זיך ערקלערט, אַז זיי זיינען אויף דער אויפפאָדערונג פון דיא געווערקשאַפטען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער יוניאָן, וועלכעס האָט

געפיהרט צו דער גרינדונג פון אן אפּאָזיציאָנס יוניאָן פון דעם אנ־דערען צד מיט דיא אויסגעשלאָסענע מיטגליעדער.

צוליעב דער אבגעזונדערטקייט פון דיא אידישע יוניאָנס פון דער אלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג צו יענער צייט האָט דיא אידישע שריפטזעצער יוניאָן אויך ניט געפונען פאר נייטיג זיך אָנצושליסען אין דעם בוכדרוקער פערבאַנד, און מיט דעם האָט זיך בענוצט דיא אָפּאָזיציאָנס יוניאָן און האָט ארויסגענומען א טשארטער פון דער אינטערניישאָנאל טיפּ. יוניאָן, מיט א נומער 317. דאָס האָט פער־ורזאכט א מהומה אויף צווישען דיא אנדערע יוניאָנס, וועלכע האָ־בען זיך צוטהיילט אין פראקציאָנען, איינינע זיינען געווען מיט דער יוניאָן און אנדערע מיט דער אָפּאָזיציאָן. דאָס האָט געפיהרט צו צערשפּליטערונגען און אָפּאָזיציאָנס יוניאָנס אויך אין דיא אנדערע טריידס.

אין אן עכט אונאנגענעהמער לאגע האָבען זיך אויך געפונען דיא ענגלישע און דייטשע שריפטזעצער יוניאָנס. זייענדיג מיט לייב און זעלע פאר דער יוניאָן און אנערקענענדיג דיא לייסטונגען וואָס דיא יוניאָן האָט פאר זיי געטהאָן ווען זיי האָבען אָנגעפיהרט זייערע אייגענע קעמפפע, האָבען זיי זיך דאָך געפונען אין דער טרויערי־גער לאגע צו מוזען אנערקענען דיא אָפּאָזיציאָן, צוליעב איהר־ אנגעהעריגקייט צו דער אינטערנעשאָנאל. זיי האָבען זיך אָבער מיט גרויס ענערגיע אריינגעוואָרפען צו מאכען שלום, און ענדליך, מיט דער הילפע פון דער אינטערנעשאָנאל טיפּ. יוניאָן, וועלכע האָט אויך איינגעזעהן איהר פעהלער־שריט, איז דער טשארטער 317, צוריקגעצויגען געוואָרען און דעם 2טען דזשון, 1894, איז א טשארטער ארויסגעגעבען געוואָרען צו דער פעראייניגטער יוניאָן, וועלכע איז פערבליעבען ביי איהר אלטען נאָמען „היברו אמעריקאן טיפּ. יוניאָן“ מיט א נומ. 83.

אָבוואָהל דיא דערמאנטע צוויסטיגקייטען האָבען געהינדערט דער יוניאָן אין איהר ענטוויקלונג, דאָך איז איהר געלונגען זאָגאר אין צייט פון ברודער־קריעג צו רעדוצירען דיא ארבייטס־צייט אויף 9 שטונדען א טאָג.

יוניאָן פרינטערס האָום, קאלאראדאָ ספרינגס, קאלאראדאָ



געבויט און אויפגעהאלטען פון דער אינטערנעישאָנאל טיפּאָגראפיקאל יוניאָן.

די ווירקונג פון א פעראייניגטער יוניאָן און דער איינפלוס פון דער אינטערנייישאָנאל טיפ. יוניאָן האָט זיך גלייך געגומען פיהלען ביי דיא ערשטע מיטינגען. דער קאמפף האָט דיא מיטגליעדער געגעבען מעהר ערפאהרונג, זיי האָבען שנעל אָפּגעמעקט זייערע אלטע קריוודעס, און מיט פעראייניגטער מאכט זיך א נעהם געטהאָן צו בויען א שטארקע יוניאָן. און אין איינינע וואָכען ארום האָט דיא יוניאָן זיך גענומען, דיא ערשטע אויף דער אידישער גאס, צו עטאבלירען דעם 8 שטונדען ארבייטס־טאָג אין איהר טרייד.

איינזעהענדיג דיא גוטע ווירקונג וואָס א פעראייניגטע יוניאָן האָט געהאט אויפ'ן טרייד, האָט דיא שריפטזעצער יוניאָן זיך גלייך גענומען צו פעראייניגען אויך דיא אנדערע צערשפליטערטע אידישע יוניאָנס. און נאָך גרויסער מיה איז איהר געלונגען צו פעראייניגען דיא צוויי שטרייטענדע קלאָוק־מייקערס יוניאָנס און דיא צוויי שניידער יוניאָנס, אום אנשטאט איינע דיא אנדערע צו בעקעמפפען זאָלען זיי בעסער מיט פעראייניגטער מאכט זיך נעהמען אויסראָטען דעם גרויסען איבעל פון יענער צייט, דעם סוועטינג סיסטעם.

## זעץ מאשינען.




מיט דעם יאָהר 1895, פאנגט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין דעם לעבען פון דער שריפטזעצער יוניאָן. דיא גרויסע אידישע איינוואנדערונג פון יענער צייט, וועלכע איז פעראורזאכט געוואָרען דורך די פערפאָלגונגען אין רוסלאנד, דיא גירושים פון מאָסקווי און פון אדעס, האָט שטארק אויפגעלעבט דיא אידישע טעגליכע פרעסע, און דיא פּאָבלישערס האָבען זיך גענומען צוגרייטען אריינצושטעלען זעץ־מאשינען, וועלכע טהוען דיא ארבייט פון האנד־זעצער פיער מאָל אזוי שנעל און גוט. דיא יוניאָן האָט גענומען טראכטען וויא צו בעגעגענען דיא מאשין, וועלכע איז אין דער ווירקליכקייט א ברכה פאר

דער מענשהייט, ווערט אבער פון דיא ארבייטער בעטראכט פאר א קללה, ווייל טהוענדיג דיא ארבייט פון עטליכע, פעראורזאכט זיא, אז דיא איבריגע זאלען פערלירען זייער פרנסה און זיין פעראורטהיילט צום הונגערן. דיא יוניאן האט איינגעזעהן דעם פעהלער וואס איז געמאכט געווארען פון דער ענגלישער יוניאן דערמיט וואס זיא האט זיך בענוצט מיט דער זעץ־מאשין בלויז אום צו העכערען דאס געהאלט פאר ארבייטער ביי דער מאשין, וועלכעס האט אבער ניט לייכטער געמאכט דעם זעצער וואס איז צוליעב דער מאשין ארויסגעווארפען געווארען פון שאפ. דיא יוניאן האט ווייטער איינגעזעהען, אז אויב זיא וויל, אז דיא מאשין זאל פון א קללה פאר דיא ארבייטער, ווערען א ברכה פאר זיי, דארף זיא דיא ארבייט אזוי ארראנזשירען, אז וואס וויניגער ארבייטער זאלען פון איהר ארויסגעווארפען ווערען. אום דאס צו עררייכען האט דיא יוניאן בעשלאסען, אז דער 8־שטונדיגער ארבייטס־טאג זאל ביי דער מאשין געטהיילט ווערען אין צוויען. ד. ה., אז יעדער ארבייטער ביי דער מאשין זאל ארבייטען בלויז א האלבען טאג, וועלכער זאל בעשטעהן פון 4 שטונדען, און זאל דערפאר קריגען א העלפט פון דיא וויידזשעס וואס איז דאמאלס געצאהלט געווארען אויף דער זעץ־מאשין ($22) — נעמליך, $11 א וואך.

ווען דיא מאשינען זיינען אריינגעשטעלט געווארען אין ערשטען פלאץ און דיא יוניאן האט געוואלט איינפיהרען דיא נייע רעגעלען איז זיא בעגעגענט געווארען מיט א שטארקען ווידערשטאנד זייטענס דיא פאבלישערס, אבער נאך א קאמפף פון דרייצעהן וואכען, אין וועלכען עס האבען זיך בעטהייליגט כמעט אלע אידישע יוניאנס, דיא פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און דיא סענטראל לייבאר פעדעריישאן, איז דער קאמפף פון דער יוניאן פאלשטענדיג געוואונען געווארען און דיא נייע סיסטעם איז איינגעפיהרט געווארען.

דיא יוניאן איז אבער ניט לאנג געבליעבען שטעהן אויף איין ארט. און דאס נעכסטע יאהר האט זיא געהעכערט דאס געהאלט פון מאשין־זעצערס פון 11 דאלאר אויף 12 דאלאר און פון האנד־זעצערס אויף 15 דאלאר א וואך. אין דער זעלבער פראפארציאן זיינען אויך

געהעכערט געוואָרען דיא וויידזשעס פון דיא זעצערס אין דזשאָב דרוק־קערייען. און אזוי זיינען דיא וויידזשעס סיסטעמאַטיש געשטיעגען יעדעס יאָהר. ביז דאָס פערדיענסט פאַר 4 שטונדען א טאָג ביי דער מאַשין האָט דערגרייכט ביז 17 דאָלאר א וואָך און פון דיא האַנד־זעצערס ביז 22 דאָלאר א וואָך פאַר 8 שטונדען אַ טאָג.

אין יאָהר 1907, האָט דיא יוניאָן איינגעזעהן, אַז דורך דעם וואָס דיא פּרייזען פון לעבענסמיטלען ווערען אַלץ טהייערער איז שווער פאַר אַ פאַמיליע אַ לעבען צו מאַכען מיט דיא פערדיענסטען וואָס אַ זעצער ביי דער מאַשין קען אויסאַרבייטען אין 4 שטונדען, און אין דער זעלבער צייט איז דיא לאַגע פון טרייד, דורך דער גרויסער איינוואַנדערונג נאָך דיא פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, פּיעל־פאַך פערגרעסערט געוואָרען, און דיא אַלטע ציייטונגען האָבען זיך פערבעסערט און נייע האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען און געמאַכט אַן ערפאָלג, האָט די יוניאָן בעשלאָסען זיך צו בענוצען מיט דיעזער גינסטיגער לאַגע פון טרייד און פארלענגערן דעם אַרבייטס־טאָג פון מאַשין־זעצער פון 4 שטונדען אַ טאָג אויף 6, און אין דער זעלבער צייט צו עטאַבלירען דעם 6־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג פאַר אַלע זעצערס וואָס זיינען בעשעפטיגט ביי ציייטונגען, אויך דיא יעניגע וואָס אַר־ביטען ביי האַנד און האָבען ביז צו יענער צייט געאַרבייט 8 שטונדען אַ טאָג. און איינפיהרענדיג אַ גלייכען אַרבייטס־טאָג פאַר אַלע אַר־בייטער ביי ציייטונגען, האָט שוין דיא יוניאָן אין דערזעלבער צייט אויך איינגעפיהרט גלייכע וויידזשעס פיר אַלע קלאַסען זעצערס ביי ציייטונגען, און דער קאָנטראַקט וואָס איז דאַן געמאַכט געוואָרען מיט דיא פּאַבלישערס אויף 5 יאָהר, האָט געלויטעט, אַז אַלע בע־שעפטיגטע זעצערס ביי טעגליכע אָדער וועכענטליכע ציייטונגען דאַר־פען אַרבייטען ניט מעהר, וויא 6 שטונדען ביי טאָג אָדער 4½ שטונ־דען ביי נאַכט, וועלכעס זאָל בעטראַכט ווערען פאַר אַ טאָג אַרבייט און זאָלען דערפאַר קריגען דאָס ערשטע יאָהר 25 דאָלאר און יעהרליך געהעכערט ביז 27 דאָלאר א וואָך. אויך האָט דיא יוניאָן בעשלאָסען, אַז קיין זעצער פון אַ ציייטונג שאַפּ זאָל ניט אַרויסגעוואָרפען ווערען צוליעב דיא צוגעגעבענע 2 שטונדען. טאַמער אָבער מוז דאָך איינער



ארראנזשמענט־קאמיטע

אָדער צוויי בלייבען אַרבייטסלאָז צוליעב דיעזע צוגעגעבענע 2 שטונדען, זאָל דיא גאַנצע אַרבייט געטהיילט ווערען צווישען אַלע אַרבייטענדע אין יעדען שאָפּ. אין דערזעלבער צייט זיינען אויך דיא וויידזשעס פון דיא זעצערס וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דזשאָב דרוקעריייען אויך סיסטעמאַטיש געהעכערט געוואָרען, ביז זיי האָבען דערגרייכט צו 21 דאָלאַר א וואָך פאַר 46 שטונדען.

דער לעצטער קאָנטראַקט וואָס דיא יוניאָן האָט געשלאָסען מיט דיא פּאַבלישערס אויף 3 יאָהר, אין יאָהר 1911, האָט געהעכערט דיא וויידזשעס ביי צייטונגען אויף 28 דאָלאַר א וואָך דאָס ערשטע יאָהר און 1 דאָלאַר געהעכערט יעדעס יאָהר, ביז 30 דאָלאַר אין 1914. אויך דער קאָנטראַקט וואָס דיא יוניאָן האָט געשלאָסען מיט דיא דזשאָב דרוקעריייען אויף דריי יאָהר, האָט געהעכערט דיא וויידזשעס אויף 22 דאָלאַר א וואָך דאָס ערשטע יאָהר, און יעדעס יאָהר ביז עס וועט גרייכען צו 24 דאָלאַר אין 1914.

## דיא שטעלונג פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן נומ. 83 אין דער אַרבייטער בעוועגונג.

צוליעב דעם וואָס דאָס פעלד פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן אין ניו יאָרק איז זעהר בעשרענקט, וואו ביינאַהע יעדע אַנדערע שפּראַך ווערט קאָנטראָלירט פון א בעזונדער לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּ. יוניאָן, אזוי אז עס גיעבען אין ניו יאָרק עטליכע שריפטזעצער יוניאָנס, זאָ וויא דיא ענגלישע, דייטשע, אידישע, אונגאַרישע, איטאַליענישע און בעהמישע, איז דיא צאָהל שריפטזעצער וואָס זיינען בעשעפטיגט ביי אידישע אַרבייט אימער געוואַקסען בלויז אין פּראָפּאָרציאָן צו דער פערמעהרונג פון דער אַרבייט אונטער איהר קאָנטראָל. און אנשטאט דיא 20 זעצערס וואָס זיינען געוועזען בעשעפטיגט ביי אידישער אַרבייט מיט 25 יאָהר צוריק און אַלע האָבען געאַרבייט ביי האַנד, צעהלט דיא יוניאָן יעצט אַרום 140 מיטגליעדער, פיעלע פון וועלכע אַרבייטען אויף זעץ־מאַשינען.

און אבוואהל אין פערגלייך מיט דיא יוניאָנס וואָס קאָנטראָלירען גאַנצע אינדוסטריען אין ניו־יאָרק, איז דיא דערמאנטע צאהל זעהר קליין, איז דאָך דורך איהר טהעטיגקייט אויף דער אידישער גאַס, דיא שריפטזעצער יוניאָן נומ. 83, אימער געווען גוט בעקאַנט אין דער אַרבייטער בעוועגונג צוליעב דעם אַקטיווען אַנטהייל וואָס זיא האָט גענומען אין דיא פערשיעדענע קעמפפע וואָס זיינען פון צייט צו צייט פון דיא אַרבייטער אויסגעפאָכטען געוואָרען.

דיא שריפטזעצער יוניאָן קען מיט שטאָלץ אנווייזען, אַז ניט אכטענדיג אויף איהר בעשרענקטער מיטגליעדער צאהל האָט זיא דאָך אין דיא 25 יאָהר פון איהר עקזיסטענץ אימער געהאַלטען איהר קאַסע אָפען צו שטיצען אירגענד וועלכע אַרבייטער אָרגאַניזאציאָן, יוניאָן, סטרייק, טשאַריטי, רעוואָלוציאָנערע אונטערנעהמונג אָדער וועלכע עס איז בעוועגונג צו פערבעסערען דיא לאַגע פון דיא אַרבייטער ביי אַנדערע טריידס, און איהר הילפע איז אימער געווען מיט דער פולער האַנד אזוי, אַז אין דיא גאַנצע 25 יאָהר האָט זיא אויסגעגעבען אויף שטיצע צו אַנדערע יוניאָנס אַליין דיא ריזיגע סומע פון העכער 50 טויזענד דאָלאר. 20 טויזענד דאָלאר פון דיעזער סומא האָט דיא שריפטזעצער יוניאָן נומ. 83, אַוועקגעגעבען אין דיא יאָהרען 1905, 1906 און 1907 צו דער אינטערנייש־אָנאַל טיפאָגראפיקאל יוניאָן, אום איהר צו העלפען געווינען דעם גרויסען קאַמפף, וואָס איז דאַן פון איהר אויסגעפאָכטען געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד, איינצופיה־רען אַן 8־שטונדען אַרבייטס־טאָג.

אין איהר אונערמידליכע טהעטיגקייט אויפצובויען איהר אייגענע אָרגאַניזאציאָן, האָט דיא יוניאָן אין דערזעלבער צייט אויך ניט פערגעסען, אַז עס איז דיא פפליכט פון אַ יוניאָן צו זעהן, אַז ניט בלויז איהר אבטהיילונג פון פאַך זאָל זיין אָרגאַניזירט, נור וויא וויט מעגליך אויך אַלע אַנדערע דערפּארטמענטס אין דרוקער־פאַך צו יוניאָניזירען, און צו דיעזען צוועק האָט דיא יוניאָן אין 1901 ארויסגעשיקט אַן אויפפאָדערונג צו אַלע אַנדערע יוניאָנס אין דרוקער־פאַך, זאָ וויא דיא פּרעסמען, סטערעאָטייפּערס, מאשיניסטען און מיילערס, אַז זיי זאָלען קומען און אָרגאַניזירען זייערע דעפּארטמענטס

אין דיא שעפער וואו דיא מיטגליעדער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן זיינען בעשעפטיגט. אום דאָס צו עררייכען איז אין פיעלע פעלע געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט דיא פּאָבלישערס און דיא מיטגליעדער פון דער שריפטזעצער יוניאָן האָבען געמוזט פערלאָזען דיא ארבייט, ביז דיא אלע דערמאנטע דעפארטמענטס זיינען פאָלשטענדיג יוניאָניזירט געוואָרען.

פון דאן אָן זיינען אלע שעפער וואו דיא מיטגליעדער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן ווערען בעשעפטיגט סטריקטלי יוניאָנירט אין אלע אבטהיילונגען און זיינען בערעכטיגט צום געברויך פונ'ם יוניאָן לייבעל, וועלכער איז דער שותפות'דיגער סימבאָל פון אלע אָרגאניזאציאָנען אין פּרינטינג טרייד, דאָס דיא ארבייט אין אלע איהרע פאזען איז געמאכט געוואָרען פון יוניאָן לייט.

## בענעפיטס פון דער יוניאָן.

דורך דער ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, זיינען דיא ארבייטער געקומען צום בעוואוסטזיין, אז דער אינדיווידועלער ארבייטער געפינט זיך אין א זעהר אונגינסטיגער לאגע, ווען איהם קומט אוים זיך צו מעסטען אין שטארקייט מיט זיין בעל־הבית. און דער איינציגער וועג וויא אזוי דער ארבייטער קען אויך קריגען דאָס רעכט צו זאָגען א דעה אין דער רעגולירונג פון דער ארבייט, איז נאָר ווען אלע ארבייטער פון טרייד זאָלען זיין פעראייניגט, און זאָלען זיך אלע איינשטעלען פאר דיא רעכטע פון איינעם. דיעזער בעוואוסטזיין האָט אויך געפיהרט דיא אידישע שריפטזעצער צו גרינדען דיא יוניאָן. אין איהר שטרעבען, צו האָבען אלע שריפטזעצער אין איהר מיטע, האָט זיא געמאכט דאָס אריינקומען אין דער יוניאָן אזוי לייכט וויא מעגליך, אזוי אז ווען א שריפטזעצער קען דורך א פּרוף איבערצייגען, אז ער איז א פאך־מאַן, ווערט ער אין דער יוניאָן מיט בלויז 7 דאָלאר איינטריטס־געלד אריינגענומען.

וואָס דאָס בעלאנגען פון א שריפטזעצער צו דער יוניאָן מיינט, קען מען זעהן פון דיא פערשיעדענע בענעפיטס, צו וועלכע ער איז, דורך זיין מיטגליעדערשאפט, בערעכטיגט:

אויסער דיא יוניאָן סקייל און שטונדען וואָס ווערען גאראנטירט צו מיטגליעדער אין יוניאָן שעפער, האָט דיא יוניאָן נאָך בענעפיטס צו וועלכע מיטגליעדער זיינען בערעכטיגט צוליעב זייער אנגעהעריג־קייט צו דער אינטערנײשאָנאל טיפאָגראפיקאל יוניאָן.

דיא אינטערנײשאָנאל טיפאָגראפיקאל יוניאָן האלט אויף א היים פאר אלטע אָדער קראנקע שריפטזעצער אין קאלארדא ספרינגס. קאלאָ., וועלכע איז א מוסטער און א ציערונג פאר'ן גאנצען לאנד און א שטאָלץ פאר דיא פרינטערס.

אין פאל א מיטגליעד שטארבט זיינען זיינע יורשים בערעכטיגט צו 400 דאָלאר טויטען־בענעפיט, פאר וועלכען מען צאָהלט א קליינעם אסעסמענט ווען מען ארבייט, ווען מען איז אָבער אויסער ארבייט דארף מען גאָרניט צאהלען און מען איז דאָך אינשורט.

און דאן קומט א פענסיע פון 5 דאָלאר א וואָך אויף'ן גאנצען לעבען צו אלטע שריפטזעצער ווען זיי גרייכען דיא עלטער פון 60 יאָהר אָדער ווען זיי ווערען פריהצייטיג אונפעהיג צו ארבייטען.

ווען מען נעהמט נאָך אין אנבעטראכט דיא מיליאָן דאָלאר פון דער אינטערנײשאָנאל טיפאָגראפיקאל יוניאָן, וועלכע שטעהט אָפען צו העלפען איהרע יוניאָנס אין זייערע גערעכטע קעמפפע, בלייבט קיין ענטשולדיגונג פאר א שריפטזעצער צו שטעהן פון וויטען, נאָר ער דארף זיך אנשליסען אן דער שריפטזעצער יוניאָן.

אב. קאהאן, רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס“, און איינער פון דיא אָרגאַ־
ניזערס פון דער שריפטזעצער יוניאָן, ביי דער געלעגענהייט פון
25־יעהריגען יובילעאום פון דער ה. א. ט. יוניאָן נומ. 83,
א. ט. י., שרייבט פאָלגענדעס :



„איך בעגרים דיא אידישע טייפאָגראַפיקאל יוניאָן מיט איהר פינף און צוואַנציגסטען יובילעאום. איך גלויב, אַז דיעזע יוניאָן איז די איינציגע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע עקזיסטירט פינף און צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד. אונזערע אַנדערע אַלטע יוניאָנס האָבען געהאַט פערשיעדענע צייטען, ווען זיי זיינען אונטערגעגאַנגען, אָדער כמעט אונטערגעגאַנגען ; דערנאָך זיינען זיי ווידער לעבעדיג געוואָרען ; דיא היברו טייפאָגראַפיקאל יוניאָן איז קיין מאָל ניט אונטערגעגאַנגען און קיין מאָל ניט אבגעשוואכט געוואָרען. דאָס ערקלעהרט זיך מיט דיא ספּעציעלע אומשטענדען, וועלכע רינגלען איהר אַרום, אָבער, וויא דיא מעשה איז, — עס איז מיר זעהר אנגענעהם צו גראַטולירען דיעזע אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן מיט איהר אונאונטערבראָכענעם פינף און צוואַנציג יעהריגען עקזיסטענץ.

איך געדענק, אַזוי וויא היינט וואָלט עס געווען, וויא מיר האָבען געמאַכט דיא ערשטע פּראָבעס צו אָרגאַניזירען דיא אידישע שריפטזעצער אין ניו־יאָרק. זיי פלעגען אַרבייטען פאַר פיער אָדער פינף דאָללאר אַ וואָך צוועלף אָדער פערצעהן שטונדען אַ טאָג. איך ערצינער מיך אין אַ געוויסען געשפּרעך, וועלכען איך האָב געהאַט מיט דעם ניט לאַנג פערשטאָרבענעם שריפטזעצער בראָידע, וועלכער האָט זיך בעקלאָגט פאַר מיר וועגען זיין שווערע לאַגע, און וועגען דיא נויטווענדיגקייט צו אָרגאַניזירען דיא טרייד. אויך איז קלאָהר אין מיין זכרון דער ערשטער סטרייק פון דיא אידישע שריפטזעצער, מיט דיא מאַססמיטינגען, אין וועלכע איך האָב אנטהייל גענומען אין אַ האָלל אויף איסט בראָדוויי. פיעלע וואַסער איז פארביי געפלאָסען זינט יענע יאָהרען. אונזער אַרבייטער־בעוועגונג, וועלכע איז דאָן געווען אין דער וויגעלע איז היינט אַ ריעזיגע מאַכט.

מיינע וואַרימסטע צואווינשונגען צו דער שריפטזעצער יוניאָן.

אב. קאהאן

## עקס־פּרעזידענטען

| | |
|---|---|
| ה. ראָזענסאָן | נ. ראָזענאַוער |
| נ. דראָשער | א. דזשאָזעפסאָן |
| מ. פּאָרזיכטסבוים | א. גאָטטעסמאַן |
| ס. דובין | מ. ראָזענבלום |
| דזש. רעזניק | דזש. ראָזמאַן. |

## דיא בעאַמטע פון דער יוניאָן

| | |
|---|---|
| ש. שיינפעלד, פּרעזידענט | נ. בלום, פּראָטאָקאָל סעק. |
| ד. איזאַקאָוויטש, וויס־פּרעז. | נ. ראָזענאַוער, קאָרעספּ. סעק. |
| ל. פייגין, סעק.־טרעזש. | מ. דובין, ריגהט־קיפּער |

א. ראָזענבלום, סאַרדזשענט עט אַרמס.

## פינאַנץ און אודיטינג קאָמיטע

| | |
|---|---|
| ד. איזאַקאָוויטש, טשערמאַן | דזש. רעזניק, סעק. |

י. ליוויי

## עקזעקוטיווע

| | |
|---|---|
| מ. ליוויי | נ. סאַקאָלאָוו |
| א. גאָלדענבערג | דזש. וויינשטיין |
| א. בראַוערמאַן | ל. סלעווין |
| מ. וואָלפּערט | נ. פינקעלשטיין |

## מיטגליעדער פון דער יוניאָן

| | | |
|---|---|---|
| אבעלסקי, ס. | באַמדאַס, ב. | גאַרדנער, מ. |
| אבראַמאָוויטש, י. | בולהאַק, מ. | גאָלדענבערג י. |
| אלפּעראָוויטש, מ. | באַטאַשאָף, א. | גאָטטעסמאַן, א. |
| אלפּעראָוויטש, א. | בערגער, א. | גלאַסס, טה. |
| איזאַקאָוויטש, ד. | בערגער, ס. | גאָלדמאַן, א. |
| אייזיקסאָן, ה. | בלום, ה. | גינן, א. |
| אברינסקי, מ. | בראַוערמאַן, א. | דובין, ס. |
| אופלאַנד, וו. | ברוקער, ה. | דייווידסאָן, ל. |
| באַרג, דזש. | גאַרעליק, א. | דובראָוו, א. |

דראָשער, נ.
דעלפיינער, ב.
דיימאנד, א.
דזשייקאָב, ב.
דזשארגאָווסקי, מ.
דזשאָזעפסאָן, א. וו.
דזשאפפע, דזש.
דזשאפפע, ס.
העלד, מ.
הארקאווי, ס.
האָראָוויטש, דזש.
הייטמאַן, א.
וויינשטיין, דזש.
ווילעדניק, דזש.
ווילליאנס, ס.
וויססנער, דזש.
וואָהל, ה.
וואָלפערט, א.
וורובעל, מ.
וויעזער, וו.
זלאטאפאָלסקי, מ.
זלאטקין, ה.
טשוזי, מ.
טשערניטשענקא, פ.
טאָרגמאן, מ.
טאטארסקי, ה.
טאניס, מ.
יודאיקין, נ.
לאסטער, דזש.
לעווין, ל.
לעווין, ז.
ליבערמאַן, מ.
ליבערמאַן, מ.
ליוויי, מ.
ליכטענשטיין, דזש.
לאזאראף, א.
מאכליעס, ב.
מאסקאָווסקי, דזש.

מיללך, מ.
מיללסטאָן, ה.
מישקין, ה.
מעטשיק, א.
מאגילניטצקי, דזש.
נייקרוג, ל.
נאוויקאָף, א.
סאוויצקי, מ.
סיעגלער, ר.
סעגאל, ק.
סיעגעל, דזש.
סידערמאַן, דזש.
סאנדערס, ב.
סאקאָלאָף, ד.
סאקאָלאָף, י.
סטאַטמאַן, ל.
סטרונסקי, ל.
סאמאלסקי, ע.
ספיגעלמאַן, נ. ב.
סאָררין, א.
סילווער, ה.
סאנדעראָף, ב.
סלעווין, ל.
עהרליך, ל.
עפשטיין, ס.
פילסדאָרף, דזש.
פאָמעראנץ, נ.
פעטרעאנא, ז. ל.
פערלמוטטער, ב.
פארגמענט, א.
פאסטאווסקי, א.
פייגין, ל.
פיין, ע.
פיינגאָלד, א.
פריעד, א.
פינקעלשטיין, נ.
פאָגעל, ה.
פארזיכבאום, מ.
פילדערמאן, ל.

פראנק, ע. פ.
פרוכט, מ.
פיהרער, ה.
פרעגער, דזש.
צווייג, ד.
קאָהן, מ.
קריסטאל, ס.
קאנטאָר, ד.
קאסטאף, מ.
קאָרנוויין, ק.
קופפער, ס.
קריגער, ה.
קריגער, ה.
קראָנענטהאַל, א.
קאוזעפאלד, טש.
ראדאק, דזש.
ראָזענאוער, נ.
ראָזענבלום, מ.
ראָזענבלום, א.
ראבינסאָן, דזש.
ראָזענסאָן, ה.
ראָזמאַן, דזש.
רעזניק, דזש.
רענער, ל.
ריינער, א.
רוזין, פה.
רזשאווסקי, ס.
ריוולין, ע.
שיינפעלד, ס.
שווארץ, דזש.
שעפאטאָווסקי, מ.
שמולעוויטש, ה.
שמולעוויטש, ה.
שקלארינסקי, דזש.
שפיללער, ר.
שפיעז, ס.
שטיינבערג, א.
שולמאן, טש.

## אַראַנדזשעמענט קאָמיטע

א. גאָטטעסמאַן, טשערמאַן　　מ. ליוויי, סעקרעטער

מ. וואלפערט, טרעזשורער

| | |
|---|---|
| ס. שיינפעלד. | מ. דובין |
| נ. דראָשער | א. וו. דזשאָזעפסאָן |
| דזש. רעזניק | מ. פאָרזיכטסבוים |
| ה. ראָזענסאָן | ה. וואָהל |
| נ. ראָזענויער | ל. נייקרוג |
| מ. ראָזענבלום | נ. סאקאלאָוו |
| דזש. ראָזמאָן | ד. קאנטאר |
| ל. פייגין | ה. שמולעוויטש |

ד. איזאַקאָוויטש

## פרינטינג קאמיטע

נ. דראָשער, טשערמאַן

| | |
|---|---|
| דזש. רעזניק | דזש. ראָזמאַן |

## רעסעפּשאָן־קאָמיטע

מ. ראָזענבלום, טשערמאַן　　א. וו. דזשאָזעפסאָן, אסיסטענט־טשערמאַן

| | | |
|---|---|---|
| י. אבראמאָוויטש | מ. העלד | ל. סלעווין |
| ה. מישקינד | ה. פאָגעל | נ. פינקעלשטיין |
| ע. פ. פראנק | י. גאָלדענבערג | ס. דובין |
| ז. ל. פעטרעאנא | מ. מילך | ג. נייקרוג |
| | ה. פיהרער, | |

## פלאָאר־קאָמיטע

י. סאָקאָלאָף, פלאָאר מענעדזשער.

אס'ט פלאָאר מענעדזשערס

ל. סטרונסקי　　מ. העלד

| | | |
|---|---|---|
| ה. פיהרער | ל. נייקרוג. | נ. פאָמעראנ'ז |
| ס. בערגער | ד. סאָקאָלאָ | ב. סאנדערס |
| נ. מילך | י. בערג | י. וויססנער |

**Mr. James M. Lynch, President International Typographical Union, on the occasion of the 25th Anniversary Celebration of Hebrew-American Typographical Union No. 83, I. T. U., writes as follows:**



"I have on so many occasions expressed my high regard for Hebrew-American Typographical Union No. 83, and the great work that it has accomplished during its 25 years of existence that to again set forth my views seems like reiteration. I can, however, congratulate the members of No. 83 on their 25th Anniversary Celebration and express the hope that the coming 25 years may be as marked with achievement and as prolific of progress as has the quarter century just drawing to a close. The industrial affairs of the nation are undergoing marked change; public spirited citizens now realize the necessity for reforms, changes, new methods and a new and broader view of the affairs of the wage earning men and women, and this attitude associated with the great work that the trade unions are themselves engaged in will mark the next 25 years as the greatest in raising the standard of citizenship, which, of course, includes the standard of living, wages and working conditions, that the world has yet experienced, and I am sure that No. 83 in this new crusade will give a good account of itself.

"The Union and its members have my best wishes for continued prosperity.

Fraternally,

James M. Lynch